בס"ד. שיחת ש"פ במדבר, ב' סיון תשכ"ו.

הנחה פרטית בלתי מוגה

א. אויף ב' סיון וואס דאס איז דער קביעות פון היינטיקן שבת, שטייט אז אין דעם טאג האט דער אויבערשטער געזאגט דעם ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, ווי עס איז פארשטאנדיק בפשטות הענינים, אז החודש הזה באו מדבר סיני, און אויף מארגן האט מען געזאגט דעם ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגו', און דער ענין ברענגט זיך אויך אראפ אין דעם אלטן רבינ'ס שו"ע (סתצ"ד ס"כ) ואדרבה מיט דעם שליסט ער אפ הל' שבועות, אז בב' סיון איז געווען דער ואתם תהיו לי גו'.

וואס פון דעם איז פארשטאנדיק, וויבאלד אז דער אלטער רבי ברענגט דאס אראפ אין שו"ע אז דאס איז א הלכה וואס איז נוגע אויך איצטער בב' סיון, נוסף להענין בכללות פון דעם וואס איז דא אומעטום דעם והימים האלה נזכרים ונעשים, אז ביי אלע ענינים פון תורה בשעת עס איז דא דער נזכרים, ווערט אויך ונעשים, די המשכות ווערן נמשך אויך איצטער, און פון דעם איז פארשטאנדיק וויבאלד אז מ'זאגט אז עס דארף נאר זיין נזכרים, ניט א ענין של עשי', נאר מיט דעם אליין וואס עס איז נזכרים כדבעי, ווערט בדרך ממילא ונעשים, איז דאך מובן אז מצד למעלה האט זיך דער ענין שוין נמשך געווארען, ס'איז נאר וואס עס דארף זיין דער ונעשים.

און אין דעם זאגט מען אז יעדן יאר ווערט נמשך נאך מער ווי פריער, ע"ד ווי דער אלטער רבי שרייבט אין אגה"ק בהנוגע צו ר"ה, וואס איז מיוסד אויפן ענין פון מעלין בקודש, אז בכל שנה ושנה ווערט נמשך א אור חדש וועלכער איז ניט געווען פריער, און עס קומט צו באין ערוך פון פריער

עד"ז מובן בהנוגע צו יעדן ענין כאטש דאס איז דאך ניט ר"ה, איז דאך אבער פונדעסטוועגן איז דאס בדוגמת ר"ה, וואס פון דעם טאג ווערט נמשך אט דער ענין על כל השנה כולה, ועד"ז בענין ב' סיון וואס איז געווען דער ואתם תהיו לי ממלכת כהנים אז איצטער ווערט דאס נמשך נאך מער ווי פריער און עס קומט צו באין ערוך.

פון דעם ווערט פארשטאנדיק ב' ענינים:

א) אז איצטער איז אסאך גרינגער ממשיך זיין אט דער ענין פון ואתם תהיו לי גו', ווארום כנ"ל עס איז מספיק מיט "זכירה" אליין און מ'דארף גארניט א ענין של מעשה, ניט אזוי ווי עס איז געווען דעם ערשטן מאל וואס יעמאלט האט מען געדארפט אויף דעם כחות מיוחדים, ווארום כל ההתחלות קשות (מכילתא יתרו פי"ט, ה. ומובא בתוס' תענית י, ב - ד"ה פסיעה) און ווי עס ווערט מבואר דעם טייטש פון "פתח" אז ער עפענט אויף דעם צנור אויף דעם, ובמילא ווערט פארשטאנדיק אז איצטער איז דאס אסאך גרינגער ממשיך זיין ווי עס איז געווען יעמאלט ביים ערשטן מאל, כנ"ל אז איצטער איז דער ענין שוין נמשך געווארען מלמעלה.

ב) אז איצטער ווערט נמשך נאך מער ווי עס איז - און עס קומט צו באופן שבאין ערוך - יעדן יאר, ביז אפילו ווי דעם ערשטן מאל, ניט ווי דעת האומרים אז יעמאלט איז געווען א סאך מער כחות ווי איצטער און מיט א גרעסערער שטורעם, וויבאלד אז יעמאלט איז געווען די התחלה וועלכער איז שווערער ווי עס איז נאכדעם, און דערפאר זאגט מען אז אדרבה טאקע יעמאלט וואס האט זיך אויפגעטאן דער דער ענין פון "פתח" - דעם התחלה - דאס קען ניט יעדערער און דאס איז נאר שייך אויף ווען מ'זאגט פתח, אבער לפועל די המשכה איז איצטער נאך אסאך מער ווי פריער ובאופן שבאין ערוך.

ובמילא קומט אויס אז עס איז דא אין דעם צוויי ענינים הפכיים, פון איין צד זאגט מען אז איצטער איז אסאך גרינגער ווי יעמאלט, און פון צווייטען זייט זאגט מען אז איצטער ווערט נמשך אסאך מער ווי פריער.

דאס איז ניט סותר לענין דר"ה, וואס לכאורה קומט אויס אז דוקא בר"ה ווערט נמשך א אור חדש, ניט א צווייטען מאל, ווארום אין ר"ה גופא זעט מען דאך אז די משנה רעכענט אויס ארבעה ראשי שנים בחג נידונים על המים וכו' וכו', וואס דער ביאור אין דעם איז אז אט די ארבעה ראשי שנים גופא ווערן שוין נכלל אין ר"ה אליין, און דארטן איז דאס דא בכללות און דערנאך קומט דאס אראפ בפרטיות אין די ד' ראשי

שנים, ועד"ז מובן ביי אלע ענינים אויך דער ענין פון ב' סיון אז יעמאלט ווערט נמשך א אור חדש בדוגמת ראש השנה, אז אין דעם טאג איז דא א ספעציעלער סגולה אויף ממשיך זיין דער ענין פון ואתם תהיו לי ממלכת וכו'.

ובמילא קומט ארויס אז בב' סיון איז שוין נמשך געווארען מלמעלה עס איז נאר וואס מ'דארף דאס אראפברענגען דורך נזכרים.

און וואס טוט מען אויף, ס'זאל זיין ממלכת כהנים, וואס איז דער ענין פון ממלכת כהנים?

די ערשטע זאך וואס מ'זעט דער טייטש פון ממלכת כהנים איז דאס פון משפט, פשוטו של מקרא, וואס אין פשט איז דאך דא פירש"י, ועד"ז איז דא נאך פשטני המקרא וועלכע זיינען נתקבל געווארען בכל תפוצות ישראל, און עפ"י פשט איז דא אין דער ווארט "כהנים" צוויי טייטשען.

ווי דער רמב"ם שרייבט בהנוגע דער ענין פון לא תסור, אז אט די אלע גזירות ותקנות והענינים וואס זיינען אנגענומען געווארען בכל תפוצות ישראל, איז מען עובר אויף דעם לאו פון "לא תסור ימין ושמאל", ועד"ז איז אויך פארשטאנדיק לגבי די פירושים, וועלכע זיינען אנגענומען, ווארום עס איז דאך כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש כבר נאמר למשה מסיני, נאר מצד דעם חושך כפול ומכופל קען מען ניט וויסן צי ער איז א תלמיד ותיק צי ניט, און אויף דעם איז דא די הוכחה און די נסיון אז אויב מ'זעט אז ער איז אנגענומען ביי אלע אידן, איז מוכח אז ער איז א תלמיד ותיק און נאמר למשה מסיני.

אין פשט טייטשט זיך אויס דער ווארט "כהנים" בב' אופנים א) כפשוטו, מלשון כהונה, ווארום בכל התורה געפינט מען דעם ווארט כהן, וואס באדייט ענין הכהונה און ניט עפעס אנדערש.

ולפי"ז קומט אויס דער פירוש פון ואתם תהיו לי כו' כהנים, אז אלע אידן זיינען ע"ד הכהנים, וואס ענין הכהן איז לעמוד לשרת לפני ה', ד.ה. אלע ענינים זיינע זיינען פארבונדען מיטן אויבערשטן, ביז הוי' הוא נחלתו אז ער האט גארניט א חלק אין ארץ ישראל, אפילו ארץ ישראל, ארץ הקדושה, האט ער אויך ניט א חלק ער איז נאר פארבונדען מיט הוי' הוא נחלתו.

כאטש ווי ער איז מבאר אין אגה"ק (סי' כו) אז אויך תלמידי חכמים האבן געהאט שדות וכרמים, און זיי האבן געהאט צוטאן מיט עבודת האדמה, ועד"ז מובן אז זיי האבן אויך געהאט צוטאן מיט מלאכות גשמיים כו', איז דאך אבער דאס אלע געווען פארבונדען מיטן אויבערשטן, און דאס גופא איז געווען לשרת הוי', נאר דאס קען ארויסקומען בכמה אופנים צי לפועל דורך עבודת המקדש צי בשדות וכרמים,

און אויף דעם זאגט מען ואתם תהיו לי ממלכת כהנים אז אלע אידן זיינען בדוגמת הכהנים, אז אלע ענינים וואס זיי טאן איז דאס פארבונדען מיטן אויבערשטן, און אין דעם טיילט זיך אפ ישראל פון אוה"ע, אז אידן אלץ וואס זיי טאן אפילו די ענינ הרשות איז דאס קדושה.

וע"ד שמבואר אויף הבאים ישרש יעקב וגו', בנוגע צו מצוות, אז א גוי בשעת ער לייגט תפילין האט זיך גארניט אויפגעטאן און דער קלץ גשמי בלייבט פונקט ווי פריער, משא"כ ביי א איד בשעת ער לייגט תפילין, נעמט ער דעם קלף גשמי און ער איז איהם מעלה אין קדושה, ועד"ז מובן אויך ביי אלע מצוות ווי ציצית וכו' ווארום עס איז דאך הוקשה כל התורה כולה לתפילין (קידושין לה, א).

ועד"ז איז אויך בעניני הרשות אז א איד איז בדוגמת א כהן וואס אלע ענינים האבן א פארבונד מיטן אויבערשטן, און אט דאס איז דער אויפטו פון ואתם תהיו לי ממלכת כהנים.

ס'פאראן א צווייטען טייטש אין דעם ווארט "כהנים" אז דאס באדייט מלשון "שרים" - הארן -,

און דא זעט מען א דבר-פלא אז רש"י וואס ענינו איז דאך פשוטו של מקרא פאר א קינד אין חדר טייטשט אפ מלשון "שרים", וואס רש"י איז דאך ענינו וואס ער איז קרוב יותר לענין הפשט, און פונדעסטוועגן טייטשט ער ניט כפשוטו מלשון כהונה, נאר שרים (שמות יט, ו).

מ'וואלט געקענט מיינען אז רש"י האלט אז אויך אומעטום מיינט כהן מלשון שרים, קומט רש"י אליין און זאגט אז דא איז אנדערש פון אומעטום, און מוז ברענגען א ראי' ווי עס שטייט ובני דוד כהנים היו, וואס דארטן קען מען דאך ניט טייטשן מלשון כהונה ווייל זיי זיינען דאך געוועזן בני דוד ניט כהנים, ועד"ז מובן דא אז דער טייטש איז אויך מלשון שרים, כאטש אז אין פשוטו של מקרא איז דאס מלשון כהונה ביז אז רש"י געפינט ניט אין גאנץ תורה שבכתב (חומש) א דוגמא ווי עס זאל מיינען שרים, האט דאך רש"י געדארפט אפטייטשן גלאטיק מלשון כהונה, והראי' אז שאר פשטני המקרא טייטשען דאך טאקע אזוי אויס, מוז מען דאך זאגן אז רש"י האט א הכרח אויף דעם פון פשוטו של מקרא גופא.

דער ענין פון פשט איז פארבונדען מיט הלכה למעשה, ווארום עס איז דאך דא די פרד"ס התורה וואס זיי זיינען פארבונדען מיט ד' עולמות, און פשט איז עולם העשי', ועד"ז איז אויך דער ענין פון הלכה למעשה, ווי מען זעט אז הלכה פסקנ'ט זיך נאר ווי איינער, כאטש עס איז דאך דא דער ענין פון אלו ואלו דברי אלקים חיים (סיי ב"ש סיי ב"ה) איז דאס אלץ נאר בעולמות עליונים, אדער בעבודה רוחנית, אבער ווי עס קומט אראפ דא למטה בעולם העשי', וואס מעשה דארף דאך זיין נאר איינער, דא דארף מען האבן איין פסק.

ועד"ז איז אויך פשוטו של מקרא אז פשט איז דא נאר איין אופן, כאטש אז אין פשט גופא איז דא ששים ריבוא פשטים, איז דאך אבער פונדעסטוועגן קרוב יותר אל הפשט נאר דא איין אופן, וואס דעריבער זעט מען אז רש"י ברענגט ברוב המקומות ככולם נאר איין פירוש, ובפרט אין א מציאות וואס רש"י שטעלט זיך גארניט אפ, וואס איז מובן אז דא פאדערט זיך גארניט אפשטעלן, און עס איז אליין פארשטאנדיק, אויך פאר א קינד אין חדר, און דא איז דא נאר איין אופן, ואפילו אין די מקומות וועלכע זיינען מיעוטא דמיעוטא וואס רש"י ברענגט צוויי פשטים, מאטערט מען זיך טאקע און מ'דארף זוכן ביאור פארוואס רש"י באנוציגט זיך ברענגען בילדע פשטים, ווארום כאמור אז פשט איז דא נאר איין אופן ע"ד ווי אין הלכה כנ"ל וואס ס'פסקנ'ט זיך אפ בלויז ווי איינער.

ועד"ז מובן אויך אין דער ענין פון ב' סיון, וואס אין שו"ע פסקנ'ט זיך אפ אז בב' סיון איז געוועזן דער ואתם תהיו לי גו', און אין פשט ברענגט רש"י דער טייטש פון כהנים "שרים" אז אט די צוויי ענינים זיינען פארבונדען (און דאס וואס עס ברענגט זיך אין שו"ע ממלכת כהנים מיינט ער דא ענין השרים ווי עס קומט אויס אין רש"י).

ובמילא איז פארשטאנדיק אז דאס וואס מ'זאגט אז בב' סיון איז נזכרים ונעשים וואס עס ווערט אויפגעטאן דער ענין פון ממלכת כהנים, מיינט מען דא ענין השרים, אז פון יעמאלט אן, יעדן יאר ביז איצטער ה' אלפים תשכ"ו בב' סיון ווערט נמשך דער ענין פון ממלכת כהנים ענין השרים, און דאס איז די הכנה פאר מ"ת, אז דורכדעם איז מען מקבל די תורה... און מ'ברענגט דאס אראפ בגלוי למטה מעשרה טפחים.

ב. דער חילוק פון כהנים און שרים בעבודה:

ענין הכהונה איז ענין המצוות, ווארום א כהן איז דאך אין לו חלק ונחלה כו' ער איז נאר פארבונדן לעמוד ולשרת כו', וואס דאס איז נאך העכער ווי בכל דרכיך דעהו, כאטש אז בכל דרכיך דעהו איז ניט א ענין של הכנה, ע"ד וכל מעשיך יהיו לשם שמים וואס דאס איז נאר א הכנה אויף שפעטער, משא"כ בכל דרכיך הייסט דאך אז דאס אליין איז א ענין של קדושה, פונדעסטוועגן איז ענין הכהונה - מצוות - נאך העכער פון דעם.

ווארום כאטש אז בכל דרכיך דעהו ברענגט זיך אויך אין שו"ע, און דאס איז

הנחה פרטית בלתי מוגה

שייך צו יעדן אידן, אז יעדער איינער ניט נאר וואס עס קען ביי איהם זייןוכל מעשיך לש"ש נאר אויך בכל דרכיך כו', דארף דאס לכאורה זיין א ענין של מצוה פונדעסטוועגן זעט מען דאך אז א ברכה קען מען אויף דעם ניט מאכן, כאטש דאס איז א ענין אין שו"ע און ס'ברענגט זיך ניט נאר ביי מצוות נאר אויך ביי אכילה ושתי' וטיול כו', זעט מען דאך אז דאס קומט ניט צו ענין המצוות, משא"כ ענין הכהן איז ענין המצוה, ווארום אויף יעדער זאך וואס ער טוט אויך אכילת הזבח מאכט ער א ברכה אשר קדשנו במצוותיו, ועד"ז באכילת תרומה ווי עס שטייט אין פוסקים אז נוסף לברכת המוציא מאכט ער אויך ברכת המצוות אשר קדשנו במצוותיו על אכילת תרומה, און אויך בחו"ל קודם הגזירה (אז מ'קען עסען תרומה בחו"ל) האט ער אויך דארטן געמאכט א ברכה.

זעט מען דאך אז ענין הכהן איז ענין המצוות, ועד"ז אויך די אנדערע ענינים זיינען, (ניט תרומה וכו') איז דאס ניט א אכילה סתם, נאר הוי' הוא נחלתו, אז דער עסען איז אלקות.

משא"כ בכל דרכיך דעהו איז ניט א ענין של מצוה כנ"ל, כהן אבער איז ווי דער רמב"ם זאגט אז נדבה רוחו כו' ער זאגט זיך אפ פון וועלט, און ער איז נאר פארבונדן מיטן אויבערשטן.

עפ"ז וועט מען פארשטיין וואס רש"י נעמט אן דער טייטש פון כהנים שרים - בכל דרכיך דעהו - ניט ווי עס קומט אויס אין פשטות פון פשוטו של מקרא.

ווארום ווי די גמרא זאגט אין די סוגיא פון מ"ת (ווי דער רבי פלעגט דאס אנרופן) אז די מלאכים האבן גע'טענה'ט אז זיי ווילן די תורה (שבת פח, ב) האט מען זיי געענטפערט כלום יצה"ר יש ביניכם, למצרים ירדתם, זעט מען דאך אז כל ענין דמ"ת למטה איז געווען מצד דעם וואס די אידן זיינען געווען פארבונדען מיט יצה"ר ומצרים, כאטש אז הבינוני מיד כשנופל במחשבתו דוחהו כו' (ווי גערעט אין דעם פריער-דיקן פארברענגען) איז דאך אבער פונדעסטוועגן דא דער נופל במחשבתו, יצה"ר יש ביניכם, און מצד דעם איז דא ענין התורה למטה.

און דערפאר מוז רש"י אפטייטשן אז "כהנים" מיינט שרים בכל דרכיך דעהו, ד.ה. אז די אידן האבן געהאט א שייכות מיט יצה"ר - וועלטליכע ענינים - אויב אבער מ'וועט טייטשן אז די אידן זיינען יעמאלט געווען כהנים מענין הכהונה מצוות, און ניט האבן א שייכות צו בכל דרכיך, יעמאלט ווערט צוריק די טענה פון די מלאכים אז זיי ווילן די תורה, ווארום זיי זעהן ניט קיין שום אונטערשייד צווישן די אידן מיט זיי.

דוקא דורכדעם וואס ס'איז דא בכל דרכיך, יצה"ר יש ביניכם ניט הרגו בתענית, קען זיין מ"ת למטה, און דערפאר מוז רש"י אפטייטשן מלשון שרים.

וכידוע דער טייטש אויף בן מאה שנה כאילו עבר ובטל מן העולם (אבות פ"ה מכ"ב) אז בשעת ער האט שוין דורכגעטאן די אלע הונדערט דרגות, מברר געווען, יעמאלט ועבר ובטל מן העולם ער האט שוין ניט וואס צו טאן אויף דער וועלט, ער האט שוין אלץ מברר געווען, ועד"ז בשעת עס וואלט געווען ביי די אידן ענין הכהונה ניט בכל דרכיך וואלט ניט געקענט זיין תורה למטה.

און דאס איז דער ענין פון שרים אז ער האט יע צו טאן מיט וועלט, נאר ער איז א באלעבאס אויף איר, ער וועלטיקט איבער די וועלט, און איז איר מברר, ביז אז דאס ברענגט איהם צו, צו ידיעת אלקות, וואס איז א מצוה רבה ונשאה אדער מצוה רמה ונשאה, אז פון נגלות נעמט ער די נסתרות, בכל דרכיך דעהו, און דוקא דורכדעם קען מען נעמען תורה.

נאך א דוחק איז דא בענין "שר" אז דאס באווייזט אויך אז דאס איז ניט "מלך" אליין, ווארום ענין המלך איז וואס ער איז אפגעטראגען פון די מדינה און האט מיט איר ניט קיין שייכות, עס איז מער ניט וואס ער גיט ארויס די גזירות, אבער דערנאך

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

אבער דערנאך איז דא דער שר, וואס ער זעט אויף דורכצופירן אט דאס וואס דער מלך פארלאנגט, וואס ער גייט ארום בשליחות של המלך , כאטש ער גייט דאך מיטן שליחות המלך, און ער איז פונקט וויע דער מלך אליין, איז ער דאך אבער פארט ניט דער מלך אליין, און ער האט יא א שייכות צו מדינה, כנ"ל, אז דאס איז דער ענין פון בכל דרכיך אין וועלט, פועל'ט ער אויף ס'זאל זיין דעהו.

ווי קען זיין אז יעדער איד אפילו ער ווייסט ניט אז ער איז א שר, האט אויך דער ענין, און אויך איהם זאגט מען ממלכת כהנים?

אויף דעם זאגט רש"י ווי עס שטייט ביי בני דוד אז כהנים היו, ד.ה. מיט דעם אליין וואס ער איז א "בן" דוד, איז ווי עס שטייט אין די משנה, אז חמשה דברים גיט דער טאטע איבער בירושה דעם זוהן, און ווי עס שטייט אויך אין תניא אויף מה יפה ירושתנו אז דאס איז א הון עתק שלא עמל בו (פל"ג) ובמילא כאטש אז ער אליין פילט דאס ניט, וויבאלד אבער אז די מציאות איז אזוי וואס ער איז א בן דוד האט ער דעם ענין השר בירושה.

וואס ענין דוד איז געווען: דם רב שפכת כו' און בימיו האט ער ניט געקענט אויפבויען דעם ביהמ"ק פאר די אידן בגלוי, וואס דאס איז ענין השר און ניט מלך, וואס ענין דוד אין געווען קב"ע, ווי עס שטייט הקים עולה של תשובה והקים עולה של תורה, און אט דער ענין פועל'ט ער ביי יעדן איד בן דוד, אז כאטש ער פילט דאס ניט איז ער אבער א שר.

דאס אלץ איז בפנימיות הענינים, רש"י איז דאך אבער צום ערשטענס פשוטו של מקרא, איז דאך לכאורה שווער זאגן אז דעם ענין פון פנימיות התורה אליין זאל איהם מכריח זיין אין פשוטו של מקרא.

אפילו זאגן אז רש"י האט דא געוארט די קשי' פון די גמרא שבת אז עס מוז זיין יצה"ר יש ביניכם, איז ערשטענס: עס איז שווער צו זאגן אז דאס זאל מכריח זיין רש"י אין פשוטו של מקרא ווארום גמרא איז דאך דרוש וכו' רש"י איז דאך אבער פשוטו של מקרא, צווייטענס: רש"י האט אויב אזוי געדארפט עפעס מרמז זיין אז זיין הכרח איז פון די גמרא.

דער ביאור אין דעם איז: דא גופא פון פשוטו של מקרא איז מוכרח זאגן אז כהנים מיינט ענין "שרים", ווארום ווי עס שטייט דעם סדר הפסוק ממלכת כהנים וגוי קדוש, איז דאך פארשטאנדיק אז גוי קדוש קומט צו בהוספה צו ממלכת כהנים, אויב מ'זאל טייטשען כהנים גייט אויף ענין הכהונה כפשוטו, קומט דאך אויס אז גוי קדוש איז גארניט מוסיף, ווארום אויך ענין הכהונה איז ענין הקדושה ווי עס שטייט ויבדל אהרן להקדישו קודש הקדשים גו', וואס ענין קדוש מיינט הבדלה, והפרשה, אפגעזונדערט מעניני העולם, ווי עס שטייט (קדושים תהיו) און דאס איז אויך ענין הכהן וואס ער איז לשרת כו' אפגעזונדערט פון וועלט, וועט דאך אויסקומען אז גוי קדוש גיט גארניט צו אדער אדרבה עס איז נאך ווינציגער ווי כהן.

משא"כ בשעת מ'טייטשט כהן מלשון שרים איז אלץ פארשטאנדיק, און דער סדר גייט מלמטה למעלה, פריער זאגט ער והייתם לי סגולה מכל העמים, אן דרגות, עס איז שוין אפגעזונדערט פון וועלט, ער איז נאך ניט א בעה"ב אויף וועלט, אבער אפגעזונדערט. דערנאך זאגט ער כהנים, שרים, ער האט א שליטה אויף וועלט, ער איז א בעה"ב, און דערנאך קומט עס קדוש ער איז בכלל אפגעזונדערט פון וועלט, וואס דאס קומט נאך מ"ת, דורך כח התורה פועל'ט ער אויף זיך ער זאל ווערן גוי קדוש.

און פון פשט ענין השרים קומט ער דערנאך צו צו דרוש רמז כו', אבער די התחלה איז פון פשט ע"ד הענין ווי עס איז מבואר אין לקו"ת אויף אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו, אז דורכדעם וואס ער האט תורה דלמטה קומט ער צו לג"ע וכו', ועד"ז די התחלה איז פשט ענין השרים, וואס ער האט צוטאן מיט וועלט בכל דרכיך דעהו, דערנאך קומט ער צו, צו כהונה כפשוטו, גוי קדוש.

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

און דאס איז דער הכנה פאר מ"ת וואס ב' סיון איז א טאג פאר די שלושת ימי ההגבלה, דארף ער דאך וויסן אין וואס ער דארף זיך צוגרייטן אויף קבלת התורה זאגט מען איהם מיט א טאג פריער אז פאר מ"ת דארף זיין די עבודה פון ממלכת כהנים שרים בכל דרכיך און דוקא דורכדעם קען זיין תורה למטה כנ"ל, און דערפאר ברענגט דער אלטער רבי אין שו"ע נאר ממלכת כהנים און שפעטער מיט "וגו'" ווארום פאר מ"ת דארף זיין בלויז ממלכת כהנים, און שפעטער קומט ער צו, צו גוי קדוש כהונה כפשוטו, און דורך די הכנה למ"ת באופן כזה נעמט ער תורה במח' דבור ומעשה ע"מ ללמוד ללמד לשמור ולעשות ולקיים וכו'.